קריטיק I (1920) העפט 3, 5–10
העפט ה', 19–27

אזוי שטעהט מען פארצווייפעלט פאר דעם פאקט, ווען מען בעטראכט, אז די גאנצקייט פון יודישען פאָלק, יענע וואונדערליכע אחדות, וואָס נעמט ארום אלע פיר עקען וועלט, זיין גלויבען אין דער צוקונפט פאר דער גאנצער גלות־תקופה, האָט זיך דאָך דערהאלטען א דאנק זיין אינטעליגענציע. דאָס איז געווען יענע אינ־טעליגענציע, וואָס איז ארויס פון איהם גופא, אין זיין שוים זיך אויסגעהאָדעוועט, זיינע „טעג" געגעסען, פאר איהם זיין גאנץ לעבען מקריב געווען. פריי איז געשטאנען דער „עץ החיים" — די יודישע בילדונג פאר יעדען איינצעלנעם, רייך אדער ארום. מען מוז ניט דוקא ראמאנטיש קוקען אויף יענער צייט; מ'זאָל נאָר גאנץ ניכטער בעטראכטען יענע וואונדערליכע, אָריגינעלע ארדענונג פון די „ישיבות", וואָס אונזער געמאטערט און געפלאָגט פאָלק, וואָס האָט זיך געמוזט אליין דער־האלטען, האָט געשאפען. אָט דאָ געפינט זיך דער קוואל פון לעבען פאר אונז, אויך פאר א ניי לעבען — א לעבען פון גרונד אויס אנדערש.

אם יש את נפשך לדעת את המעין ממנו שאבו אחיך? (ביאליק)

„ווילסטו וויסען דעם קוואל פון וואנען דיינע ברידער האָבען געשעפט?" — ווער פון אונז, וואָס ווייס, זאָל טאָ: און נאכט טייטען מיט'ן פינגער! דער קוואל זאָל ווידער א מאל אויפגעגראָבען ווערען. איך ווייס איהם, איך קען איהם! מיין שוואכע האנד וועט אָנווייזען!

לעצטער ארטיקעל קומט.

## נ. וויינינג / אין די טריט פון אַ נייעם יודישען סטיל

### א

געבווירען איז געוואָרען אונזער ליטעראַטור אויף די טונקעלע הינטערטרעפּ, אין די שמאָלע געסלעך, פארבאהאַלטען הינטער אַ הייזעל, וואָס אָט אָט פאַלט עס איין, געבוינען אין צווייען, די כשר'ע טאָכטער פון יענע פאָלקסלידער, פון די נאַיווע גראַמען און מעלאָדיעס, וואָס ווערען געזונגען מיט זייער בעזונדערען סאַנטימענט אויף שבת'דיגע נאָכמיטאָג־צוזאַמענקונפטען. אָט בעווייזט זיך שוין אַ גראַמער, שוין טרעפט זיך, דאָס הייסט ס'קומט פון דער רוסישער פּאָעזיע פרוג און לערנט אונזערע פרימיטיווע דיכטערס, ווי מ'שרייבט לידער, ווי מען פיילט זיי, ווי מען גלעט זיי אויס, זיי זאָלען נישט קאַליעטשען די אויערען מיט זייער אומגעלומפּערטער נישט־ריטמישקייט. לערנט זיי צו קעמפען מיט דער שפּראַכליכער שווערקייט, ווייזט די טירען, דורך וועלכע מ'וואָלט קענען ארויסטרייבען „דעם ריח פון דינאבורגער יאַטקעס", בעלערנט ווי מ'קאָן ווערען גלייך מיט אַלע אַנדערע. האַקט אויס אַ גלייכען וועג קיין איראָפּע.

דינאַבורג אַלס קוילערגעסל — און קלייטעל־שטימונג (נישט הלילה אינ'ם שלעכטען זין) ווארגט כמעט נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג די יודישע ליטעראַטור. דאָס אויספעלען



פּרץ – דער ערשטער מאָדערניסט; סענסועלע פּראָזע
דאָס שטעטל אין שיין ליכט

פֿון אַ וועלכער ס'איז קאָנצענטראַציע, פֿון אַ מיטעל־פּונקט, אַ פּאָליוס — האָט זי נישט איינמאָל געבראַכט אין סכנה פֿון קאַטאַסטראָפֿעס, וואָס קענען נאָך מעהר צוגלידערן די ביז איצט גענוג צוזייטע און צושפּרייטע שטרעבונגען. די קיילערגעסל־און קלייטען־שטימונג קאָן מען אָנרופֿען אין אונזער ליטעראַטור דעם דאָזיגען צושטאַנד פֿון אידעאישער און אידעאָלאָגישער צוזייטקייט. יעדער שעפֿערישער טיפּ האָט מיט זיך בעצייכענט אַנ'אַנדערן וועג. די דאָזיגע ערשיינונג וואָלט געווען נאַטיר־וואָיל, אויב ס'וואָלט אויך פּאַראַלעל עקזיסטירט אַ געוויסער טריב פֿון קאָלעקטיווען שאַפֿען, וואָס זאָל זיין דער בולט'ער אויסדרוק פֿונ'ם סאָציאַלען גרופּען־לעבען. מיט איין וואָרט: ס'האָט אונז ביז איצט געפֿעלט אַ סטיל, וואָס איז דער אויסדרוק פֿון אָרגאַנישער צוזאַמענשטעלונג און צונויפֿבינדונג פֿון אידעאישע און קינסטלערישע שטרעבונגען. ס'האָט אונז אויסגעפֿעלט די געמיינזאַמע כה־שפּאַנונג, אפילו יענער פּראָמעטעאיזם, וואָס האָט פּרי'ן כאַראַקטעריזירט.

אַזאַ מין סיטואַציע איז נישט נאַרמאַל. אָבער אומשולדיג איז די ליטעראַטור אין דעם פֿאַל. זי איז דאָך נישט קיין ממזר, נאָר דער אויסוואוקס פֿון איר צייט. און יענע צייט האָט נישט געשאַפֿען אַ גינסטיגען באָדען פֿאַר'ן אויסשטראָמען פֿון אַ וועלכען עס איז סטיל. מיר פֿאַרמאָגען אַ סך סטילען, ווייל אויך דאָס יודישע לעבען האָט זיך אַנטוויקעלט אויף דער ליניע פֿון סאָציאַלען פּלוראַליזם. דער סאָציאַלער כאַאָס, דער כאַאָס פֿונ'ם סאָציאַלען געדאַנק האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין דער ליטעראַטור און האָט זי מאָדעלירט אויף זיין שטייגער. די סאָציאַלע קוילער־געסלקייט האָט אויסגעהאָדעוועט די ליטעראַרישע קוילערגעסלדיקייט.

און נישט בעסער איז אויך מיט'ן אינהאַלט. דער וועג קיין אייראָפּע איז נאָך לאַנג און ווייט, און עס זשיפּעט קוים דער שעפֿעריש־אסימילאַטאָרישער כח. ווייל עס זענען נישט קיין יודישע רעוואָלוציע די נאַציאָנאַלע לידער נישט פֿון פֿרוג, נישט פֿון מ. דאָזענפֿעלד אָדער פֿון ביאַליק. זיי זענען ניכער אַ וואולקאַנישער ספּאַזם אַ געוואַלדיגע היסטעריקע פֿון דער בענקשאַפֿט נאָכ'ן עתיד, וועלכער שפּינט זיך און שפּינט און אויף וועלכען אַ אומגעדולדיגער קאָן זיך נישט דערוואַרטען. און אפשר איז עס נביאות? ווען איר ווילט קאָן עס אויך דאָס זיין. וואָרזאָגער פֿון דער צוקונפֿט!...

דאָרט ווייט ערגעץ, אויף די ווייטע און ברייטע געביטען פֿון אייראָפּע זידט און ברויזט. וואַלט וויטמאַן בעזינגט דעם לעבענס־ריטם פֿון אַמעריקע, ווערהערען די בעלגישע פֿאַבריקען און דאָס לעבען פֿון זייערע אַרבייטער, פּעטער בעזרוטש די שלעזישע קוילענגרובען, ביי אונז אָבער קאָרטשען זיך אין די שאָטענס פֿונ'ם יודישען געסעל אי די פֿאַרבאָרגענע ליבע, אי דאָס שטעטל, אי דער ירידה, אי דער שנאָרער, דער לופֿטמענש אי דער מלמד; און די אַלע האָבען פֿאַרגעסען, כל זמן ס'איז צייט, נאָך צו זאָגען נאָך זיך אַליין קדיש, דעם צדק הדין. אונטער דעם דרוק פֿון שטאַרקע, דרויסענדיגע כחות צופֿאַלט זיך דאס שטעטל, ס'גערט פֿאַרלוירען די טראַדיציע און קיין שום ציל און צוועק וואָלט געווען איצט צו פֿאַרצווייפֿלען. דאָס לעבען, דאָס

צלם שטעטל איז שוין אויס

אידראַציאָנעלע לעבען פאָדערט. מ'זאָל אים נאָכיאָגען און עס דערגרייכען. ווינד און וועה איז דעם וואָס בלייבט צוריק און אבהענטיג. אומברחמנות'דיג פאַריתום'ט מזה ער זיך פאַרלירען אינ'ם פלאָנטער און גוססען אויף די שימלענדיגע רואינעס. ס'וועט נישט העלפען דייזענס צער און קוועלען זיך נאָך דעם צושטערטען שטעטל. ס'וועט אויך ניט העלפען אַש'ס ראָזיגע אידעאַליזאַציע און סטילזירען פון אַ שבת־דיגען שטעטל, ווייל בערגעלזאָן האָט שוין אויסגעזונגען דאָס „אל מלא רחמים" און דשומעט דעם עבר א מעלאַנכאָלישען שלאָפלידעל. דאָס שטעטל איז אַנטשלאָפען געוואָרען אויף אייביג און דעם זעלבינגנס אַש'ס אַ העלד זוכט דעם וועג, וואָס פּירט צו אַ ניי לעבען („דער יווג צו זיך"). דאָס שטעטל איז נעבליבען אַ שיינער חלום, וואס צורינט זיך ביי די מאָרגענשטראַלען פון דער טאָגזון. פאַוואָליע, פאַוואָליע קריצט זיך אויס אַ נייע ליניע: דער טיפּ פון אנ'איטעליגענט, וואָס זוכט זיין לעבענס־סאַטיספאַקציע און לעבענס־פאַרענטפערונג אין אַ פרעמדער שטאָט. די דאָזיגע ערשיינונג טראָגט אַריבער דעם שווערפונקט פונ'ם מיליע אויף אינדיווידוען, אויף יחידים, ד. ה. אויף געוויסע סאָציאַלע טיפען. עס הויבט זיך אָן אַ נייער מאָמענט, וואָס דראַמאַטיזירט דאָס יודישע לעבען. עס באַווייזט זיך דער מאָמענט פון אַ געוויסען דינאמיזם, וואָס דרינגט אַרויס פונ'ם גרופּירען זיך פון די סאָציאַלע פאַקטאָרען, אנשטאָט דעם פריערדיגען צוטשעפען צו דעם וואָס ארום, וואָס איז אין עצם געגומען, שוין אַ מעכאַניזירטער צושטאַנד פון אַ פריערדיגען אנטוויקלונגס־שטאַדיום, וועלכעס האָט אין זייגע צייטען געשפּילט אויך אַ ראָליע פון לעבעדינער גרופּירונג פון סאָציאַלע פאַקטאָרען.

עס האָט זיך ענדליך בעוויזען דער מאָמענט פון בונט. צו האַרט איז דער יאָך פון דער פאַרגליוועדטער טראַדיציע און, דער ערשטער איז געווען פרץ, וואָס האָט געוואָרפען די לאָזונג, זי הייסט: „אין פּאָליש אויף דער קייט". זאָל זיין געהיילינט די אָרגיע פון דער סעקסועלער פרייהייט, וואָס איז איינער פון די מענשליכסטע און לעבענדינגסטע אינסטינקטען, וועלכער איז אָבער ביז איצט געפּענטעט געווען מיט פאַרגליוהעדטע דינים פון תלמוד און שולחן ערוך. (ווייל אַ יעדע רעוואָלוציע איז איינציייטיג, אָדער אפשר קודם כל אַ רעוואָלוציע פון די חושים). דערפאַר שרייט אויס זיין זינדיגער אין דעם בעוואוסטזיין פון זיין ווילען צו דער מאַכט און זיין בעוואוסטזיין פונ'ם איגענעם כח:

אין מיר האָט אויפגעפלאַמט אַ רויז,
ווילט איר דערגער, שטראָפען מיך?
מייז פון פינסטערע לעכער אַרויס,
ווילט איר משפט'ן די נאַכטיגאַל
פאַר איר מאָרגען־ליד,
פאַר איר פרילינג־ליד,
פאַר'ן העכסטען ליבעס־ליד?!
שוואַרצע, פינסטערע וואָלקען־שטיקער,
ציטערט איר פאַר מאָרגענשטראַל?

(I. אַטק)

דער זעלבער בונט. אָבער שוין מעהר רעוואָלוציאָנער און מעהר צושטערענד און פּראָפּאַנירענדיג הייסט פּריץ'ן שאַפֿען אַ פּראָסטיטואירטע, וועלכע איז זיך נוקם פֿאַר'ן ביז איצטיגען פֿאַראַכטען זי:

קום צו מיר, קום מיט מיר,
כ'רייס די קייט די אייזערנע
כ'האָב די קראַפֿט דיך צו בעפֿרייען.
(רייסט איבער די געשליפֿענע רינג־קייט; ציט אים צו דער ווייבער־שול)
קום ארויף, אַהין אַרויף
אויף די תחנות, אויף די תפלות,
אויף די דורכגעווייקטע בלעטער
פֿון אומזיסט פֿאַרגאָסענע טרערען. —
קום, וועקען די שטילע שול
די צנועה'דיג פֿאַרשטומטע שול
מיט געשריי פֿון העכסטען בונט
קרעכצען פֿונ'ם רויטסטען גליק —
(III. אקט)

פֿאַר פּריץ'ן האָט נאָך קיינער נישט אַזוי שיין און אַזוי מעכטיג בענומען דעם פּראָבלעם פֿון מענשליכע חושים, וואָס פֿירען מלחמה פֿאַר זייער גענצליכער אויס־לייזונג און פֿאַר זייער רעכט צו אויטאָנאָמיע פֿון אַלמענשליכע אינסטינקטען. פּריץ איז בכלל נישט נאָר אַנ'אָנזאָג פֿון אַ נייעם יוד, נאָר אויך פֿון אַ נייעם מענש. די צייט אין וועלכער ער האָט געשאַפֿען איז נאָך צו פֿיל געווען אויף די שיידוועגען פֿון אונזער געשיכטע, נאָך צו ווייניג אויסקריסטאַליזירט, נאָך צו קאַרג אי'נ'ם אַנזאָג פֿון אַ לעבענס־שפּראָצענדיגען וואָמענדעל, זי זאָל קענען שאַפֿען אַ גאַנצען טיפּ, אַ פֿולען און פֿאָלשטענדיגען ווערט. אָט דאָס זענען נאָך דאַנגלען'שען מיט אינטואיטיווע בליצען און בלייך־געדאַנקען פֿון אַ מענש־יוד.

פֿאַמעליך בייט זיך די ליניע פֿון יודישען לעבען: פֿון אַ אַראָבעסקען־ליניע, וואָס פּלאָנטערט זיך אָהן אנ'אָנהויב און אָהן אַ סוף, ווערט זי אַ שפּיראַלע, וועלכע אַנטוויקעלט זיך פֿון אַ געוויסען פֿעסטען און שטאַבילען צענטראַל־פּונקט ביז צו די ווייטעסטע האָריזאָנט־שטחים. דער מיטעל־פּונקט האָט אַרויסגעשיקט זיינע שטראַלען, אַזוי ווי די פֿאָליפּען ביז צו די פֿרעמדלענדישע גרעניצען, כדי אויפֿצוזוכען דאָס כשוף־וואַסער וואָס דערפֿרישט און שענקט לעבען. דער שריי נאָך אייראָפּעאיזם האָט אַ טרייסעל געטון מיט'ן גאַנצען אנטשלאָפֿענעם יודישען אָרגאַניזם און אַ נייער שאַפֿונגס־ציטער האָט ארומגענומען זיינע גלידער. נישט קוקענדיג אויף די אַפּריאָרישע און דאָגמאַטישע מערב־דענקער אַ לאַ בובער און זיינע אַפּאָסטעל, האָט זיך אָנגע־רופֿען דער סטיכישער פּראָצעס פֿון אנטוויקלונגס־גאַנג און טענדענץ אין אַנדערע געגענדען. נישט ex oriente lux א נישט פֿון מזרח וועט אויפֿשיינען די גרויסע ליכטיגקייט, ווייל נישט קיין אַזיע און דערצו צו דער, וואָס ווערט געמאָסטען מיט'ן אַלטען מאָסשטאַב, וואָס האָט נישט קיין ברעקעל אפילו צופּאַסונג צו אונזערע היינטצייטיגישע נשמות, נאָר אונזערע וועגען פֿירען קיין מערב.

דער אונטערבעוואוסטער לעבענס־פּראָצעס געהט דורך דעם עטאַפּ פֿון אוניפֿיקאַציע, פֿון פֿאַראייניהייטליכען און קאָאָרדינירען, צו דער שעפֿעריש־אַסימילירענדער קעסעל־אַרבייט. דאָס לעבען מוז מען טאַקי בעטראַכטען אַלס אַ זעלכען פּראָצעס פֿון תּמידיגען אַסימילירען, וועלכעס אנטשטעהט ביים צונויפֿטרעפֿען זיך פֿון די כאַאָטיש קייקלענדיגע עלעמענטען און די שעפֿערישע קאָנצעפּציעס. אַ יעדער פֿאָרטשריט איז אַ צווייעדיגער: אַ אַסימילאַציע צו די פֿאַרענדערטע לעבענס־בעדינגונגען, וואָס מען רופֿט אָן אין דער נאַטורוויסענשאַפֿט מימיקרי. אַלזאָ צופּאַסונג און צווייטענס אַ אַסימילאַציע פֿון די פֿריהערדיגע מאָמענטען צו די איצט פֿאַרהאַנענע. בערגסאָן'ס געדאַנק וועגען דעם אויפֿשיכטען זיך פֿון דער צייט איז טאַקי דער דאָזיגער פּראָצעס פֿון איבּיגער, נישט איבערגעריסענער אַסימילאַציע.

די טענדענץ האָט זיך שוין דאַמאָלט קלאָר באַוויזען, ווען דער פּראָלעטאַרישער געדאַנקען־קאָמפּלעקס האָט אָנגעהויבען אַ דורכצודרינגען דעם יודישען אָרגאַניזם. אין'ם שאָטען פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם האָט זיך אָנגעהויבען די יודישע קולטור צו בעקענען מיט'ן פֿריידענקערישען גייסט, טעמפּ האָבען זיך שוין געלאָזט הערען די אונטערערדישע ציטערנישען פֿון דער געטרייסעלטער אַלטער טראַדיציע. די שאלה פֿון וועלטליכער יודישער קולטור ווערט אַקטועל, דעם כּה־אָנשטרענגעניש פֿעלט אָבער אויס די איינענאַרטיגע ריכטונג. לעת עתּה באַווייזט זיך אין'ם סאָציאַליזם און אין דער געטריישאַפֿט צו דער טאָג־טעגליכער שפּראַך, צום „זשאַרגאָן”. דאָס קולטיווירען אים, אַלס רעזערוואָאַר פֿון קולטורווערטען, איז אויך אַ געוויסע ערשיינונג פֿון אַסימילאַציע־טענדענצען. אויב די ערשטע שוואַלבען פֿונ'ם סאָציאַליזם ביי אונז זענען ריין אַסימילאַטאָריש, דאָך האָבען זיי ערוועקט ביי די מאַסען דאָס פֿאַראינ־טערעסירען זיך מיט זיך און מיט אייגענע, פֿאַרשידענאַרטיגע לעבענס־ערשיינונגען. און אָהן שום גוזמא קאָן מען זאָגען, אַז די יודישע ליטעראַטור איז געווען אין־די ערשטע און אין אַ ביסעל ווייטערדיגע יאָרען דער פּראָדוקט פֿונ'ם אַנטוויקלען זיך פֿון דער קולטור פֿונ'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט. זי איז נישט נאָר געשאַפֿען געוואָרען אין דער שפּראַך, פֿון וועלכער ס'האָבען זיך מיט עקעל אָוועקגעווענדט די כל המינים באַציאָנאַליסטען, נאָר אויך אויף ווייטער זענען אירע שעפֿער געווען מענשען פֿון דער מאַסע, וואָס האָבען ווייטער געצויגען דעם פֿאָדעם פֿון — איצט שוין נישט אַנאָנימער — פֿאָלקס־קולטור. (ווען ז. רייזען האָט אַרויסגעגעבען זיין לעקסיקאָן פֿון דער יודישער ליטעראַטור און פּרעסע, האָט ב. באָראָכאָוו צונויפֿגעשטעלט אַ רשימה פֿון די 310 ליטעראַטען, וואָס זענען אויסגערעכענט אין'ם לעקסיקאָן: 25 געוועזענע פּראָלעטאַריער אין'ם פּשוט'ען זין פֿון וואָרט, אַ פּאָר שטאַמען פֿון רייכערע פֿאַמיליעס, דער רעשט פֿון 250 שטאַמען פֿון אָרעמע משפּחות. אַ סך פֿון זיי זענען אויטאָדידאַקטען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט אַ דאַנק און אין דער אַרבייטער־באַוועגונג: אַ זעלכע קאָן מען געפֿונען אין'ם לעקסיקאָן אַ צאָל פֿון 120).

ווי מיר ווילן נישט בעטראַכטן דעם טעזיס אַז דער פּראָלעטאַריער פֿאַרמאָגט נישט קיין איינען פֿאָטערלאַנד, דאָך מוזן מיר צוגעבן, אַז אָט אָ די שעפֿערישע אַסימילאַציע גענפּינט פֿאַר זיך איר שטאַרקסטן יסוד טאַקי אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן. שוין מיט זײַן מאַטעריעלן זיין, מיט'ן פֿיזישן עקזיסטירן אַוועקגעריסן פֿון דער מיטאַרבייט מיט אַנדערע קלאַסן, איז ער אויך מעהר גענייגט צו די פֿאַר־שידענאַרטיגע נייהייטן. פֿון דער אַנדערער זייט אָבער האָט דאָס דורכזאַפּן זיך מיט די פּראָדוקטן פֿון דער אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער קולטור ארייננעפֿירט אין די מוחות פֿון די יודישע פּראָלעטאַריער אַ געוויסן געדאַנקען־קאָמפּלעקס וואָס איז געווען מיט שאַרפֿע גרעניצען אָבגעשיידט פֿון די יודיש־טראַדיציאָנעלע אידע־אָלאָגיעס. דאָס שאַפֿן פֿון זיי א "filosofia della praxis„, אַ קאַמפּס כלי־זין האָט געגעבן זייערע רעפֿלעקסיעס און זייער טון אַ אנדערע ריכטונג. דאָס בעוואוסט־זיין פֿון דער געמיינזאַמקייט פֿון די געדאַנקען מיט אַנדערע שטאַרקע סאָציאַלע גרופּען אין דער וועלט פֿונ'ם מענשליכען געדאַנקען־קרייז האָט זיי געגעבן שטאַרקייט און כח צום אויסהאַלטען און איבערהאַלטען און איינצייטיג האָט עס זיי דערנענטערט צו דעם צענטרום פֿון איינהייטליכער ענערגיע־שפּאַנונג. די ערשײַנונג האָט גלייכצייטיג געוועקט דאָס געפֿיל פֿון בענעמען די סבות, ווי אויך פֿון פֿאַר־אַנטוואָרטונג און האָט בייגעטראָגען צום אויפֿברויזן פֿונ'ם שאַפֿונג־אימפּעט. א נישט סעקונדער קענצייכען איז געווען אויך די וואַכזאַמקייט פֿאַר די שוואַכסטע ציטער'ן אפילו פֿון דער קאָלעקטיווער נשמה. "דאָס לעבן און די געזעלשאַפֿט פֿאָדערן פֿון אַ יעדען פֿון אונז אַ תמיד וואַכזאַמע אויפֿמערקזאַמקייט, וועלכע אָריענטירט זיך אין א יעדער סיטואַציע, און א חיין דעם א געוויסע בויגעוודיקייט פֿונ'ם גוף און פֿון דער נשמה, מיט וועלכע מען וואָלט זיך געקאָנט צופּאַסען צו די דאָזיגע סיטואַציעס" (בערגסאָן "דאָס לאַבען").

## נפתלי גראָס / פֿון מײַנע וויזיעס

I

ווי שאָטענס שלייכען זיי זיך אויף דעם וועג
צו איינציגע פֿאַרביי. און ווי־אַ פֿלעק
פֿון רויט אויף רויטען זיד, אַזוי פֿאַרציהט
זיך אומרוה אויף מיין רוהלאָזען געמיט.

II

מיר בעטען: פֿיר שוין, פֿיר אונז צו דיין שוועל,
דעם וועג פֿאַר אונז מאַך גלייך און לייכט און העל:
מיר קומען קניען פֿאַר דיין אָנגעזיכט
דאָרט אויפֿצוגעהן דערלייטערט פֿון דיין ליכט.

פֿאַר דעם זיך כסדר ענטוויקעלדיגען לעבענס־סטיל. דער מאָמענט, ווען אַזאַ געדאַנק האָט געקאָנט אָנהויבען צו צאַפּלען אין אַ מוח, מוז בעטראַכט ווערען פֿאַר יענעם מאָמענט, אין וועלכען עס הויבען זיך שוין אָן צו בייטען אַלע ווערטען, ווען עס הויבט זיך אָן דאָס אַלטע צו פֿאַרוואַנדלען און אומקליידען זיך אין אַ פּאַסיגערען מלבוש. כדי בעסער צו קאָנען אויספֿעכטען דעם קאַמף פֿאַר נייע לעבענס־מעגליכקייטען, אַנדערע טענדענצען באַוועלטיגען דעם אָרגאַניזם און גיבען אים דעם כח דורכצופֿירען די גרויזאַמע מלחמה מיט די דרויסענדיגע, פֿיינדליכע שטרעבונגען. אייביגע צופּאַסונג — הייסט אויסאַרבייטען תמיד דעם פּאַסיגען געדאַנק, אַלס פּאַסיגסטען כלי־זין צום אָרגאַניזירען אָדער רעאָרגאַניזירען פֿון די פֿאַרהעלטענישען אי צווישען מענשען און מענשען־גרופּען גופא, אי צווישען מענשען און דעם אַלצדינג, וואָס איז דרויסענדיג, און וואָס מען קאָן קורץ אָנרופֿען: נאַטור.

דער זעלבער ש. ניגער האָט אַ מאָל אין א רעצענזיע („גאַליציאַנער ליריק“ יודישע וועלט 1914) אגב אורחא געזאָגט: „די יונגע יודישע פּאָעזיע מוז קריגען דעם מוט צו די אייביגע פֿראַגען פֿון וועלט און מענש, נאָר דאַן, וועט זי אָנהויבען צו אָטעמען מיט פֿולען אָטעם“. פֿולער אָטעם הייסט נאַטירליך, דער כח, די מעגליכקייט דורכצולעבען דאָס, וואָס די שעה ברענגט, הייסט איינשפּארען זיך מיט ביידע פֿיס, שטאַרק, אייזען־און שטאָל־שטאַרק, אין דעם לעבען, וואָס פֿליסט אומאויפֿהערליך, אין דעם לעבען, וואָס טראַכט תמיד אונז צו טוישען און פֿאַרבלענדען. ס'איז קלאָר, אַז אין אַזאַ צושטאַנד איז נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר די דאָזיגע שטימונג, וועלכע עס האָבען דורכגעלעבט א. ווייטער'ס העלדען, דאַן וועלען אוממעגליך זיין סאָניאַס ווערטער: „בויען מוז אַ פֿאָלק, און לאָזט מען אים ניט, דאַרף עס זיך מיט פֿאַרביסענע ציין איינשפּארען, מיט דעם לעצטען כח פֿון דעם אַמאָליגען מסירת נפש פֿון די עשרה הרוגי מלכות. וואָרום אַז ניט, איז שלעכט, אַז ניט, קומט די לעצטע שעה, דער לעצטער יוד ...“ (א. ווייטער: אין פֿייער. II. אַקט).

אַ פּעסימיסטישע פֿאַרצווייפֿלונג!

דאָס איז די שטימונג פֿון אַ פֿאַנראַמירטען, וואָס שרייט מיט זיין לעצטען אָטעם דאָס „שמע ישראל ...

און אָט די דאָזיגע שטימונג האָט אונז צוגעפֿירט צו אַ פּסיכישען צושטאַנד פֿון ראָמאַנטיק. ס'איז קלאָר און בולט, אַז אויב מיר זענען שוואַך און אָבהענגיג, דאַן איז פֿאַר אונז נישט מעגליך צו בויען פֿאַר דער צוקונפֿט, אויספֿלאַסטערן דעם וועג פֿאַר אַ ווייטערדיגען עטאַפּ; אונזער לעבען איז היי־שעה. אָבער דאָך קענען מיר פֿאָרט נישט אין דער לופֿט שוועבען, אָהן אַ וועלכער עס איז אָנלעהנונג. דער רעוואָלוציאָנער שפּאַרט זיך אָן אין זיין אילוזיע פֿון דעם צוקונפֿטיגען גן־עדן און דאָס גיט אים דעם כח צו צוברעכען און צו צושטערען דאָס אַלטע, וואָס ליגט הינטער אים. אָבער ווער עס האָט נישט אַזאַ אילוזיע פֿון דער צוקונפֿט מוז זוכען אַן אַנדערע בריק, וואָס פֿירט און פֿאַרבינדט דעם היינטיגען טאָג, זיין לעבענסטאָג ער קאָן זי יעמאָלט געפֿינען, ווען ער קערט זיך אום. דאָס אומקערען זיך, אָהן

קיין אויסבליק, אָהן קיין שום ווייטערדיגער פּערספּעקטיוו גיט אים כלומר׳שטע בערוהיגונג. „פאַטער, צום זיידען צוריק, צום עלטער־זיידען!״ — שרייט סימאַ אין דערזעלביגער דראַמע. און אַ מייסטען כאַראַקטעריסטיש שפּיגעלט זיך דאָס אָפּ אין סימאַס ווייטערדיגע ווערטער. ניטס נאָר גוט אַכטונג, ווי נישט־ווילענדיג נגב׳ען זיך אים אַרויס ווערטער, וועלכע מוזען דוקא אַזוי און נישט אַנדערש קלינגען, ווייל אַזאַ מין אופן פון צו בעטראַכטען שטעקט אומבאַוואוסט אין זיין נשמה. „מיינסט, איך זאָג, אַז איך בין גוט . . . דער אמת׳ר יוד שטעהט נאָך הינטער אונז, ער דאַרף נאָך אָנקומען. נאָר איך, מיר, מאַכען מיר אַ וועג פאַר אים, אַ וואַרע — פאַר׳ן צוקונפטיגען יודען . . .

ס׳איז אינטערעסאַנט: דאַכט זיך, אַז דער צוקונפטיגער מענש איז פאַר אונז, מען מוז אים נאָר דערגרייכען קענען. דאָ איז ווידער להיפך: דער נייער יוד „שטעהט הינטער אונז״. ער איז שוין פאַרטיג. מען איז פּטור פון די דאגות, מען מוז נאָר מאַכען אַ וואַרע — און אַלץ איז גרייט. אָט דאָס איז די ראָמאַנטישע גרונדשטימונג. מען דאַרף נאָר מאַכען פון איר אַ טעאָריע מיט אַלע פּיטשעווקעס און ס׳איז שוין גרייט אַ לעבענס־פּרינציפּ. עס ווערט דער־מיט געשאַפען דאָס יעניגע געפיל, וואָס דער דייטש רופט עס אָן אַזוי גוט און פּאַסיג מיט׳ן וואָרט „שווערמעריי״. אָט הערען מיר זיך צו, וואָס הנה׳קע רעדט; יונגפרויען יודישע פלעגען אין ווייסען אַרויסגעהן ביי נאַכט אין די גערטנער פון ירושלים און טאַנצען . . . געדענקען מיר מסתמא די נאַכט־הימלען, וואָס זענען דעמאָלט איבער ירושלים געהאַנגען, אומ־באוואוסט געדענקען מיר זיי . . . ציט אונז — אָט — צו די פייערן פון דער יאָהאַנ׳ס־נאַכט, צו די שייטער־הויפענס, אַרום וועלכע עס טאַנצען, ווי איר רופט זיי, פּרעמדע. און אַזוי איז דאָס, דוכט זיך, ענליך אויף יענע נאַכט, אויף די ווייסע קליידער פון די יודישע טעכטער אַ מאָל און דאָך ניט ענליך. אַזוי לאַנג איז דאָס געווען, אַזוי פאַרגעסען און דאָך ניט אינגאַנצען פאַרגעסען. צו יונגע קינדער פון אַן אַלטען פאָלק זענען מיר. בענקען מיר, זוכען מיר און געפינען זיך קיין אָרט נים. די גראָהע האָר פון אַן אַלטען פאָלק . . .״

דער וועג צום „שטומען״ איז פעסט אָנגעצייכענט. דער וועג פון אומקלאָרע רעטענישען. דאָס פלאָנטערן זיך און ראַנגלען זיך מיט׳ן בייזען און בלינדען גורל. אָהן קיין שום פאַרוואָס און פאַר ווען, דאָס וואַלגערן זיך אין פרעמדע גערטענער און דאָס צאַפּעלדיג — „שטומע״ אומקערען זיך אַ היים — דאָס אַלץ איז די קללה פון אַ פאַלשען לעבענס־פּרינציפּ.

און אויב דאָס איז דער פּראָגראַם, דאַן וועט די לאָזונג נישט אַנדערש אָנגערופען ווערען, נאָר איינציג און אַליין: רוה.

עס קען מיין ליכט אין נאַכט קיין וועג נישט ווייזען —
עס קען מיין ליכט דערציילען נאָר פון רוה.

(דוד איינהאָרן)

אגב אורחא איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקען און אַנטקעגנצושטעלען די

פֿאַרשידענע פֿעלקער. און פֿערגלייכען דערביי אונזערן היימישען ראָמאַנטיזם. ווילען מיר נעמען, למשל, דעם דייטשישען, וועלכער ווענדט זיך אי צו די טיפֿסטע קוואלען פֿונ׳ם פֿאָלקסשאַפֿען און איינצייטיג קערט ער זיך אום צו דעם מיטעלאַלטער און צום מיטעלאַלטערליכען קאַטאָליציזם. פֿון איין זייט דער ברייטסטער יסוד אין דעם וואָס די מאַסען האָבען געשאַפֿען (אפשר אויך אַלס הילפֿסמיטעל פֿאַר דעם צווייטען טייל פֿון זייער וועלטאַנשויאונג) און פֿון דער צווייטער זייט ווידער אַ מין אומקערען זיך צו די לעבענס־פֿאָרמען, וואָס דאָס מיטעלאַלטער און דאָס מיטעל־אַלטערליכע קריסטענטום האָבען געצייטיגט; דאָס אומקערען זיך צו דעם וואָס די טראַדיציע האָט איבערגעלאָזט, די שיינע קאָלירען און בילדער פֿונ׳ם הויפֿישען לעבען, מיט די געפּאַנצערטע ריטערס, מיט די הויפֿזינגערס, די טרובאַדורס, מיט דעם גאַנצען אַפּאַראַט פֿון אַ לעבען, וואָס קאָן באמת צוציען דורך זיין שימערירענדיגער פֿיל־פֿאַרבינקייט. אַזאַ שטימונג קאָן געבען אַ טרייסט, קאָן וועקען אַפילו דעם העראָאישען געפֿיל. אָט דער העראָאישער טאָן געפֿינט זיך ווידער אין דעם פּוילישען ראָמאַנטיזם, ער איז דורכגעזאַפּט און דורכגעווייקט מיט׳ן שטאַרקען געדאַנק און שטאַרקען געפֿיל פֿון אויסלייזונג. און אויב ער ווענדט זיך צום פֿאָלק, צום פּשוט׳ען פֿאָלק און צו זיין שאַפֿען, ווען אַדאַם מיצקיעוויטש נעמט אָן אין זיין שאַפֿען די פֿאָרמען פֿון דער פֿאָלקס־שאַפֿונג, דאַן טוט ער עס איינענטליך צוליב דעם, וואָס אין איר טאַקי איז שטאַרק בעטאָנט דאָס געפֿיל, דאָס האַרץ „ווי די אויגען און שפּאַקטיוון פֿון די הכמים". דער פּוילישער ראָמאַנטיזם איז טאַקי געווען בלויז העראָאיזם. ער האָט געשאַפֿען דעם באַגריף און די אידעאָלאָגיע פֿון קרבנות, ווי נישט אויסגעהאַלטען און לעבענספֿעהיג זאָל נישט זיין דער ראָמאַנטיזם, דאָך קאָן מען אים נישט אָבזאָגען דאָס רעכט צו שטאָלצירען מיט דעם, וואָס ער האָט אויפֿגעטרייסעלט אין זיין צייט די הערצער און נשמות און פֿאָרט עפּעס געשאַפֿען, וואָס ער איז געווען אין אַ געוויסען מין פּראָדוקטיוו.

דער יודישער ראָמאַנטיזם האָט נאָר דעם איינציגען כח פֿון אימפּאָטענץ צו זאָגען „לער איז מיין צוקונפֿט, אַזוי ווי דער מדבר" (דוד איינהאָרן), און דערפֿאַר מוז עס אויך פּאַסירען, אַז „מיין ליד איז געפֿאַנגען אין ריטם פֿון טרויריגע, שטילע געזאַנגען". אמת, אויך דאָ איז די צוגעבונדענקייט צום יודישען פֿאָלק, צו זיין טראַדיציע, אָבער הויפּטזעכליך צו דער טראַדיציע פֿון ליידען און צרות, פֿון רדיפות און גזירות פֿון עלילת דם און קדושים (מיט איין אויסנאַם פֿון אַש׳ס „שבתי צבי"־פּרוב); די צוגעבונדענקייט צו דער טראַדיציע פֿון אונמאַכט און שוואַכקייט און פּאַסיווקייט, צו דער טראַדיציע פֿון פֿאַרלייגטע הענד. דוד איינהאָרן האָט זיך טאַקי אין דעם בעסטען פּעריאָד פֿון זיין שאַפֿען, אין דער צייט פֿון „שטילע געזאַנגען" און „מיינע לידער" דורכגעזאַפּט און האָט אויסגעדריקט דעם צושטאַנד פֿונ׳ם יודישען אינטעליגענט, וועלכער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיך, ווען ער איז געשטאַנען אויף די שייד־וועגען און געמוזט זיך אַנטשיידען פֿאַר די צוויי פּרינציפּען: אָדער אַקטיוויזם, אָדער פּאַסיוויזם. נישט קאָנענדיג געפֿינען קיין אויסלייזונג, קיין אויסוועג, קיין פּאַסיגען

קאָמפּראָמיס, האָט ער אויסגעפֿונען דעם טאָלעראַנטען שטאַנדפּונקט:

א צער פֿון טויזענד דורות ליגט אויף מיר;
די גרויסע פּיין געשטעמפּעלט האָט מיין שטערן.
מיין טייערע, ווער ווייס: צי איך וועל ווען
דעם שופר פֿון מיין אויסלייזונג דערהערען?

מיין טייערע, איך ווייס ניט, וואָס איז שווער,
צי הבל'ס טויט, צי קין'ס לאַנגער לעבען, —
נאָר מיך בעשטראָפֿט אין צווייען האָט מיין גאָט:
ער האָט דעם צער פֿון בײדע מיר געגעבען.

אַליין בין איך פֿון אַלעמען פֿערשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פֿון טויזענד מענשען —
וואו נעמט מען, זאָג, די כחות פֿון אַ מאָל:
אין פֿייער געהן — און גאָט פֿון דאָרט בענשען?

(יודישע עלעגיעס. I.)

דער יודישער ראָמאַנטיזם איז טאַקי די פֿילאָזאָפֿיע פֿון שוואַכקייט. אַזוי ווי דאָס אַרומיגע לעבען שליסט אויס יעדע מעגליכקייט פֿון צוצופּאַסען זיך, אַזוי ווי די נאַטור איז פֿיינדליך, אַזוי ווי די אומשטענדען רופֿען אַרויס אַ זעלכע און אַזעלכע ערשיינונגען אינ'ם יודישען לעבען, אומשטענדען, וועלכע מוזען אַרויסרופֿען אַן אומ־צופֿרידענקייט, איז במילא דערפֿון נעדרונגען די פּסיכאָלאָגיע פֿון יאוש. און במילא ווייזט זיך אויס, אַז דאָס, וואָס איז געווען אַ מאָל, איז געווען אַ סך שענער, פֿאַר דעם, וואָס עקזיסטירט היינט. דער יודישער ראָמאַנטיקער ווערט זיך איינליבען אין דער מעלאָדיע פֿון „אַ מאָל איז געווען אַ מעשה...״ אזא מין שטעלונג צום פּראָבלעם בעפֿרייט פֿון יעדער אי פּערזענליכער אי קאָלעקטיווער אחריות. (אינ'ם יודישען ראָמאַנטיזם איז וויכטיגער פֿאַר אַלץ דער קאָלעקטיווער מאָמענט, פֿון וועלכען עס שפּראָצט ערשט אַרויס די שטעלונג פֿונ'ם יחיד.) נאַטירליך איז די ראָמאַנטישע שטעלונג צו די קאָלעקטיווע פֿראַגען אַ גאַנץ „פּאַטריאָטישע״. ס'טייטש? ער וויל דאָך דאָס בעסטע און דאָס שענסטע פֿאַר זיין געפּלאָגטער אומה! פֿאָרט אָבער איז אַלץ אַזוי דריקענדיג, אַלץ דריקט שווער מיט דער גרויזאַמער לאַסט פֿון אַ קאָשמאַר, אַז באמת כדי פֿריי צו אויסאָטעמען מוז מען פּלוצים ווערען אַ פּראָמעטעאוס. אַזוי אָבער, ווי די ראָל פֿון אַ דערלייזער, פֿון פּראָמעטעאוס אָדער פֿון אַ משיח איז צו שווער און פּיינליך פֿאַר זייער גאַנצער נשמה־קאָנסטרוקציע, בלייבט מער נישט איבעריג, ווי אָבצוואַרטען ביז ער, משיח, וועט אַליין קומען. די פּאָליטיק פֿון אָבוואַרטען איז זעהר קאָנסעקווענט, און אינטערעסאַנט איז די פּאַראַלעלע מיט אַן אַנדערע, ענליכער און קרוב'שער ערשיינונג אין דעם אַלגעמיין־איראָפּעאישען קולטורלעבען.

די צייטען פֿאַר דעם אויפֿטרעטען פֿון די היינטיגע קונסט און קולטור־ריכטונגען האָבען זיך אַנטוויקעלט אונטער דעם צייכען פֿונ'ם — אַלגעמיין אַזוי אָנגערופֿענעם־אימפּרעסיאָניזם. דער דאָזיגע אימפּרעסיאָניזם, אַ טיפּישע ערשיינונג פֿון שטימונג,

אָבהענדיגקייט, און אַ שטאַנד־פּונקט פֿונ׳ם קאָנסומירען ניכער, ווי אויסאַרבייטען פּראָדוקטיווע נייע סאָציאַלע קולטורווערטען (און וועלכער קולטורווערט איז דען נישט סאָציאַל?). האָט תמיד געקרענקט אויף איין קרענק. ווען מען בלעטערט דורך די ליטעראַטור, אי די צייטשריפֿטען, אי די מאַניפֿעסטען, אָדער סתם אָפּהאַנדלונגען וועגען זיין אידעאָלאָגיע, טרעפֿט מען אָן אין אַ גרויסער מאָס געדאַנקען וועגען גאונות און גאון. אין קיין שום אַנדערער קולטור־תקופה איז נישט געווען אזוי שטאַרק דער שריי נאָך דעם גאון, נאָכ׳ן איבערמענש. פּונקט האָט זיך עס צוזאַמענגעטראָפֿען מיט׳ן ערשיינען פֿון ניטשעס פּערזענליכקייט און זיין תורה. דערביי האָט מען, דאַכט זיך, גאָר אינגאַנצען פֿאַרגעסען אָן געטעס ווערטעל, אַז גאונות הייסט אַרבייט. אַ דור פֿון קאָנסומענטען האָט נישט געקאָנט אין קיין שום פֿאַל נישט אַרויסברענגען אַ גאון, וואָס זאָל קאָנצענטרירען אין זיך די אַלע שטראַלען פֿונ׳ם געמיינזאַמען געדאַנקען־קרייז. די אייגענע שוואַכקייט האָט נאָר פּראָדוצירט דעם געוואַלדיגען שריי, דעם געוואַלדיגען ווייטאָג נאָכ׳ן אויספֿעלען פֿון אַ שטאַרקען גייסט. דאָס אַלץ אָבער, וואָס איז אין דעם דאָזיגען פּעריאָד פּראָדוקטיוו ג׳שאַפֿען געוואָרען איז געשטאַנען מחוץ פֿונ׳ם קרייז פֿון געמיינזאַמער אָנשטרענגענישען. דער ענגלישער שריפֿטשטעלער טשעסטערטאָן האָט פּאַסיג איינמאל בעמערקט, אַז כח ווילען דערשטרעבען נישט די אמת שטאַרקע, ווייל אמת שטאַרקע פֿילען אים אין זיך; וועגען כח שרייען נאָר דעקאַדענטען.

אָט טאַקי דער יודישער פּאַסיוויזם, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט אינ׳ם ראָמאַנטיזם האָט געהאַט די איינציגע כשר׳ע טענה צום גורל, פֿאַרוואָס עס בעווייזט זיך נישט דער משיח. אַן אַלטע יודישע צרה... דאָס אויסוואַרטען אויף אַן אַנדער, שטאַרקער בעשעפֿעניש האָט בעפֿרייט פֿון אַ יעדען אַחריות־געפֿיל און האָט די מענשען מאָדעלירט לויט אָט־אָ דעם שטייגער. שוואַכע מענשען מיט אַ ברייטען זשעסט, וואָס וויל מאַכען פֿאַרציטערן אַלע וועלטען. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז עס נישט מער ווי אַ ברייט־פּוסטער זשעסט פֿונ׳ם אַליין נישט־פּראָדוקטיווען עלעמענט. ס׳איז אַן אַנאַרכיסטישער (אויב נישט ניהיליסטישער) אנשטעל פֿון יחידים, וואָס צושטערען מיט זייער בענקשאַפֿט יעדע מעגליכקייט פֿון אַ סאָציאַלען בנין, צו וועלכען זיי ווילען שטרעבען סוף־כל־סוף.

און נאָך איינס. ש. ניגער באַמערקט (רעדענדיג וועגען דוד היינהאָרן), אַז דער טרויער פֿון איינהאָרנען (וועלכער איז בלי שום ספק אַ טיפּ פֿון אַ ראָמאַנטיקער) איז „דער טרויער פֿון אַ יורש, וואָס אוצרות, פֿון זיינע עלטערן געזאַמעלט און אויפֿגעהיט, זענען איבערגעגאַנגען אין זיין רשות, און עס טוט אים נאָר באַנג, און עס שרעקט אים די פֿאַרענטפֿערליכקייט, די הייליגע אחריות, וואָס די שעה פֿון טויט האָט אַרויפֿגעלייגט אויף אים, דעם איבערגעבליבענעם...“ אָבער „אונזערע עלטערן זענען מיט דער לאַסט געווען צוגויפֿגעוואַקסען, זי איז געווען צו זיי צוגעקלעפּט, און דאָ איז ניט שווער געווען איר יאָך צו טראָגען, אַזוי ווי עס איז ניט שווער צו טראָגען זיך אַליין“.

אין דעם פרט קאָן מען מסכים זיין אינגאַנצען מיט גינער'ן, וועלכער האָט גאַנץ פּאַסיג פאָרמולירט דעם עיקר־פּראָבלעם פונ'ם יודישען ראָמאַנטיקער. אָט, טרעפט זיך זיין כאַראַקטעריסטיק ביי ז. י. אנכי ("ווינטער"). "מען האָט געמאַכט אַן אָרט פאַר מנשה'ן ביים טיש. מנשה האָט זיך ביים טיש געזעצט. האָט גענומען טרינקען געשווינד איין מאָל נאָכ'ן צווייטען.

— יאָ — האָט מען ביים טיש געשמועסט — ער קאָן, ער קאָן.

מנשה האָט נאָך געשווינדער גענומען טרינקען. זיינע אויסגעשטעלטע אויגען זענען נאָך מער אויסגעשטעלט געוואָרען. פּלוצים האָט ער זיך צעוויינט. עמיץ האָט זיך פון טיש צו אים געווענדט:

— וואָס וויינט איר? מיאוס, איר קאָנט ניט טרינקען.

מנשה האָט געוויינט.

— איך בין אייך מקנא. די אמת'ע יודען זענט איר".

דאָס שרייט נישט מנשה, דאָס שרייט נאָר פון אים אַרויס די וויסטקייט. ס'איז קלאָר אַז אַזאַ טיפּ איז מקנא דעם פּראָסטען יודען, אין וועלכען ער זעהט דעם זכר מלכות, וייל ער אַליין האָט פאַרלוירען יעדע שפּור פון אַ שטאַרקען מענש. און דערפאַר טאַקע גאַרט ער צום שטאַרקען, אַזוי אָבער ווי ס'דוכט זיך אים אויס. אַז אָט־אָ דעם כח פאַרמאָגט דער סקאַרבאָווע יוד, הויבט ער אים אויף אויפ'ן פּיעדעסטאַל פון זיין אידעאַל. די אידעאָלאָגיע, פונ'ם יודישען ראָמאַנטיזם איז די הייליגע טראַדיציע, מיט וועלכער ס'איז, אָהן קיין שום פילאָזאָפישע חקירות, דורכגעזאַפּט דער יודישער עולם. מ'קאָן אפילו דרייסט זאָגען, אַז דער ראָמאַנטיזם איז די פאַרהיילינגג פונ'ם המון. אַליץ, וואָס איז אַלט, איז באַוועדט. דערפאַר איז עס גוט און פּאַסיג פאַר אונזער ראָמאַנטיקער, וועלכער בעגנוגענט זיך מיט זיין טרוימעריי און זיין פאַרצווייפלערישער אָבהענגטינקייט. ער זעהט נאָר איינס אין זיין נשמה: דעם זכר להורבן!

זיין נשמה איז צו אַ שיין, ריין, יודיש־הויז געגליכען; ריין, שיין, פיין, מיט זיידענס דאָס מעבעל, מיט סאַמעט דער בריק און אויבען אויפ'ן טיר אַ שוואַרצער סמן: זכר להורבן . . . זכר להורבן . . .

נייע פּאַלאַצען, מענליך, וועסטו נאָך בויען. אויף די הימלען, אין חלום, אָבער דער "זכר להורבן" וועט אויף זיי זיין שטעמפּעל ליינען... זכר להורבן...

אין דיין נשמה איז אַ שוואַרצע התימה דאָ . . . זכר להורבן . . . זכר להורבן . . ." (דאָרט).

און דאָ ליגט די צושפּליטערטקייט פון די פּראָבלעמאַטישע נאַטורען; די דערקענטעניש פון דער סאָציאַלער זייט פון דעם פּראָבלעם און די נישט מעגליכקייט דערפון די קאָנסעקווענצען צו ציען. די דערקענטעניש, אַז די עצם־שאלה איז אייגענטליך אַ פאָלקספּראָבלעם, אַז זי איז נוגע די לעבעדינסטע אינטערעסען פונ'ם פאָלק צושפּליטערט זיך אָן דער שוואַכקייט פון דער אינטעליגענץ. אָבער זיכער פון דעם אינטעלעגענט. דאָ בעווייזט זיך נאָר בולט דער טראַגיזם פון געגענזייטיגען פערהעלטעניש צווישען יהיד און כלל. דער יהיד האָט געזוכט זיין פּערזענליך און סאָציאַל גליק

דרויסען, להוץ די ראַמען פֿון דער יודישער געמיינשאַפֿט, און זיינע פערזענליכע און סאָציאַלע הלומות זענען צושטערט געוואָרען. ביזע ווינטען האָבען אַוועקגעבלאָזען און אַוועקגעיאָגט די צאַרטע בלומען פֿון זיינע האָפֿנונגען. פֿאַרביטערט קערט ער זיך אום צוריק, ער פֿאַלט אַריין פֿון איין עקסטרעם צום צווייטען, פֿאַרגעסענדיג דערביי, אַז יעדע ערשיינונג קאָן זיך נאָר אַנטוויקלען און אַנטוויקעלט זיך טאַקע לויט דעם געזעץ, אַז אַ באוועגונג איז אַ פראָדוקט פֿון צוויי, אין פֿאַרשידענע זייטען, שטרעבענדיגע כחות, אז די באוועגונג איז דער פראָדוקט, וואָס שווימט אַרויס פֿון דעם פונקט, וואו די צוויי ענטקעגענגעזעצטע כחות האָבען געוויסע באַרירונג, אַז אַן ערשיינונג איז דער פועל יוצא, די פרי פֿון דער התונה צווישען דעם בעגריף יאָ און ניין. אַז אויב זיי האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס דאָס דרויסענדיגע, פֿרעמדע איז דער פאָזיטיווער פרינציפּ, און דאָס היימישע דאָס יודישע דער נעגאַטיווער (אָדער אפשר און אפילו פֿאַרקערט), איז אַזאַ שטאַנדפּונקט געווען גאַנץ פֿאַלש ווייל ער האָט אַקצעפּטירט, אָנגענומען איינציג און אַליין אַן איינציגען פרינציפּ און דערפֿאַר האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט זיין פראָדוקטיוו. ער איז נאָר געווען בכח צו שאַפֿען און באַפֿעסטיגען אַ פֿערגליווערטקייט, וועלכע איז טאַקע די פֿון זייער פערזענליכען ליידען. די סבה איז אויך געווען, וואָס די קולטור האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַלס אַ סיסטעם פֿון פֿאָרמולעס, טראַדיציעס און אָנשויאונגען, וועלכע דערלויבען רוהיג ווייטער צו לעבען, אַלס אַ נישט-געזעלשאַפֿטליכער טיפּ, וועלכער קייט נאָר איבער די אַלע ערפאָלגען פֿון די פֿריערדיגע דורות, כדי זיך גופא צו פֿערשאַפֿען דעם גענוס פֿון קאָנסומציע. דורכדעם, וואָס מען האָט פֿארגעסען, אַז די קולטור איז אַ סיסטעם פֿון פּאָסטולאַטען און לאָזונגען, מיט וועלבע מען אָרגאַניזירט דאָס גאַנצע לעבען, כדי עס אויסצובויען און פֿאַרפֿעסטיגען, מיט איין וואָרט ווערען פראָדוקטיוו, האָט מען דער אַנטוויקלונג פֿון דער יודישער קולטור אונטערגעהאַקט די פֿליגלען אויף אַ געוויסע צייט. דער ראָמאַנטיזם איז אין אונזער לעבען אַ העכסט רעאַקציאָנערע ערשיינונג. (רודאָלף קייזער מיינט: „באַפֿרייאונג איז נאָר דעמאָלט מעגליך, ווען גאָט גיט אונז נישט רעטענישען, נאָר אויפֿגאַבען“).

בעת זיין גאַנצער אַנטוויקלונג טוט זיך דער מענש צופאַסען צו וועלכע ס'איז באַדינגונגען; און ווען עס קומט אַ מאָמענט, ווען די דאָזיגע באַדינגונגען פֿאַרענדערען זיך פלוצים, ווען דער מענש פֿערלירט דעם ביז איז איצט נאָרמאַל פֿונקציאָנירענדיגען אָטעם, דאַן טראַכט ער צוריקצוקומען צום אָנהויב, אַלס דעם כלומר'שט רוהיגסטען און זיכערסטען פונקט פֿונ'ם לעבען. יעדער צוריקקער צום אָנפֿאַנג איז דער סמן פֿונ'ם אויסשעפּען זיך פֿון די שעפערישע כחות, אַ סמן פֿון קולטורמידיקייט, אַ סמן, אַז די צייט האָט געשטעלט נייע אויפֿגאַבען וועלכע עס קאָן נישט איבערנעמען דער מענש אויף זיך, צוליב דעם, וואָס די פֿריערדיגע צופאַסונג האָט אים צוגעוואוינט צו געניסען, ווייל ס'כלי-זין זיינס איז פֿאַרטעמפּט געוואָרען. דער זין פֿאַר די קאַמפּס-פֿאָרמען, וועלכע בייטען זיך אונאויפֿהערליך, פֿאַר די קאַמפּס-פֿאָרמען צווישען דעם יאָ און דעם ניין אין דער געזעלשאַפֿט און אירע ערשיינונגען איז דאַן פֿארשוואונדען, ס'איז אויך